


פארבינדען צעירי השלוחים ארום דער וועלט

A project of CHINUCH YALDEI HASHLUCHIM a division of The Shluchim Office
816 Eastern Parkway, Brooklyn, NY 11213 ~ (718) 221-0500 x317 ~ cyh@shluchim.org

פרשת בא, ז' שבט תשס"ז
גליון 3, מספר 11




# פרשת בא

שה לבית אבות

די הויבט צוגרייטונג פון אידן צו יציאת מצרים איז געווען די מצוה פון **קרבן פסח**, וואס אידן האבן געגעסן די נאכט פון ט"ו ניסן, און דער קרבן פסח האט געבראכט דעם **"ופסחתי"** ("לשון דילוג וקפיצה") - אז דער אויבערשטער האט "איבערגעשפרונגען" די הייזער פון די אידן, און אויך "אריבערגעשפרונגען" אלע חשבונות וואס האבן נאר געקענט זיין און געבראכט גלייך די גאולה פון גלות מצרים.

מען געפינט ביים קרבן פסח א ספעציעלן אנזאג, אז עס דארף זיין **"שה לבית"**: בשעת דער פאטער באשטעלט דעם קרבן פסח, דארף ער אין דעם אריינעמען יעדן פון זיינע קינדער - אויך די גאר קליינע - סיי די אינגעלעך און סיי די מיידעלעך.און אלע בני בית, אריינגערעכנט אויך די קינדער, דארפן עסן פון דעם קרבן פסח, און דעמאלט איז מען מקיים די מצוה פון קרבן פסח ווי עס דארף צו זיין.

מיט וואס איז די מצוה פון קרבן פסח אויסגעטיילט פון אלע מצוות אז דוקא ביי דער מצוה האבן אויך קליינע קינדער גענומען איינטייל אין דער מצוה?

איז די ערקלערונג אין דעם:

אונזערע חכמים זכרונם לברכה דערציילן אונז, אז ביי קריעת ים סוף איז **"הם הכירוהו תחילה"**: די קינדער וועלכע זיינען געבארן געווארן אין מצרים האבן דערקענט דעם אויבערשטער נאך פריער (און שטארקער) ווי עס האבן אים דערקענט די ערוואקסענע.

וויבאלד אז ביי קריעת ים סוף האבן די קינדער דערקענט דעם אויבערשטן פריער, איז פארשטאנדיק, אז נאך זייענדיק אין מצרים איז בא די קינדער געווען א מעלה אין דעם אויפנעמען דעם אויבערשטנ'ס מצוות לגבי ווי דאס איז געווען ביי די ערוואקסענע. און דאס איז די גרויסע מעלה פון אט די קינדער, אז כאטש זיי זיינען געבארן געווארן און זיך אויפגעהאדעוועט אין מצרים - האבן זיי אבער אויף זיך אנגענומען צו פירן זיך ווי דער אויבערשטער וויל דורך מקיים זיין זיינע מצוות און לערנען זיין תורה.

און דעריבער האט מען אויך אט די קינדער אריינגענומען אין די צוגרייטונגען צו יציאת מצרים, דורך האבן אן אנטייל אין דער מצוה פון קרבן פסח.

דערפון האט מען אויך אן אפלערנונג פאר קינדער פון "צבאות השם":

--פונקט ווי אידישע קינדער האבן גענומען אייגטייל אין די צוגרייטונגען צו יציאת מצרים, און אין אן אופן פון "הם הכירוהו תחילה", איז פארשטאנדיק, אז אזוי איז אויך בנוגע די צוגרייטונגען צו דער גאולה פון דעם איצטיקן גלות, אז אידישע קינדער נעמען אין דעם א הויפט איינטייל.

דאס הייסט, אז דורך דעם וואס מען פירט זיך אויף ווי אידישע קינדער דארפן זיך פירן, קען מען ערווארטן די גאולה העתידה דורך משיח צדקנו און בקרוב ממש.

*(פון דער רבי רעדט צו קינדער - ר"ח ניסן תש"מ)*

---

טייערע קינדער שלוחים,

יעדער איינער גלייכט הערן א מעשה! ווען דער רבי האט געזאגט זיין ערשטע מאמר פון "באתי לגני", האט ער דערציילט א פאר דערציילונגען פון די אויסערגעוויינליכע אהבת ישראל פון אונזערע רביים. קינדער, עס איז זייער זעלטן אז א רבי זאל דערציילן א מעשה אין מיטן א מאמר, איז פארוואס האט דער רבי אין זיין ערשטע מאמר דערציילט א פאר סיפורים?

נאר דער רבי האט אונז געוואלט לערנען, גלייך אין אנהויב פון זיין נשיאות, אז אויב מען וויל ברענגען משיח איז עס ניט גענוג צו רעדן און לערנען וועגן אהבת ישראל, נאר מען דארף טאן אין דעם- ווי מיר זעען פון די מעשיות פון די רביים.

קינדער, איר האט די זכות צו לעבן אויף שליחות און צו באווייזן אייער אהבת ישראל טאג – טעגליך. דארפט איר וויסן, אז דורך אט די אהבת ישראל, ברענגט איר שוין די גאולה! לאמיר בעטן זיין דעם יאר י' שבט אין ירושלים מיט אונזער רביין צוזאמען!

-א. וועכטער

# י׳ שבט

## י׳ שבט

### יארצייט פון רביצין רבקה

רביצין רבקה איז געבארן געווארן אין יאר תקצ״ג, צו הרב החסיד ר׳ אהרן אלכסנדרוב און רביצין חי׳ שרה די טאכטער פון דעם מיטעלען רבי׳ן. רביצין רבקה איז געבארן געווארן אין שטאט ליובאוויטש, און ווען זי איז געווען גאר קליין, זיינען איר עלטערן אוועק, און זי איז געהאדעוועט געווארן אין שטוב פון איר באבע רביצין שיינא.

אין תר״ט האט זי חתונה געהאט מיט איר קוזינע, דער רבי מהר״ש. זי איז באוואוסט געווארן פאר איר אויסערגעוויינליכער גוטסקייט. ווען די ישיבה תומכי תמימים האט זיך געעפנט, האט זי געזארגט אויף די עסן פון די תמימים.

דער פריערדעקע רבי שרייבט אסאך וועגן איר גרויסקייט און דערציילט איבער אסאך פון די דערציילונגען וואס זי האט אים געזאגט.

די שולעם בית רבקה וואס דער פריערדיקער רבי האט אויפגעשטעלט זיינען אין איר זכות.

רביצין רבקה איז אוועק י׳ שבט תרע״ד, ומנוחתה כבוד איז אין ליובאוויטש לעבן דעם אהל פון דער צמח צדק און רבי׳ן מהר״ש.

לכבוד איר יארצייט האט דער פריערדיקע רבי ארויסגעגעבן דעם מאמר ״באתי לגני״ וואס מיר לערנען יעדן יאר אויף י׳ שבט.

## י׳ שבט תש״י



### הסתלקות פון דעם פריערדיקן רבי׳ן

לכבוד דעם יארצייט פון זיין באבע רביצין רבקה, האט דער פריערדיקע רבי ארויסגעגעבן דעם מאמר ״באתי לגני״ צו לערנען. א פאר מענטשן האבן באמערקט אז אין דעם ווארט שליט״א וואס איז געשריבן געווארן לעבן דער פריערדיקע רבי׳ס נאמען פעלט א יוד.....

עס איז געווען שבת אינדערפרי י׳ שבט. אלע חסידים זיינען געווען אויפן וועג צו 770 ווען מען האט אנגעהויבן הערן מאדנע שמועות. קען עס זיין??

מען האט ניט געגלויבט אז עס איז מעגליך אז דער פריערדיקע רבי איז אוועק, ביז מען איז אנגעקומען צו 770 און מען האט געזעהן אז עס איז כמעט ליידיג. אלע חסידים זיינען געגאנגען צום מקוה און זיינען צוריקגעקומען אין 770 זאגן תהילים מיט ביטערע טרערן.

זונטאג איז געווען דעם גרויסן לווי׳. די שטופעניש איז געווען אויסנאם, ווייל יעדער איינער האט געוואלט אנטאפן די ארון קודש פון פריערדיקן רבי׳ן.

דער פריערדיקע רבי איז געבארן געווארן י״ב תמוז תר״מ אין שטאט ליובאוויטש צו דער רבי רש״ב און רביצין שטערנא שרה. ווען דער רבי רש״ב איז אוועק ב׳ ניסן תר״פ איז דער פריערדעקן רבי געווארן רבי.

דער פריערדיקע רבי האט געפירט די אידן פון תר״פ-תרפ״ח אין רוסלאנד, פון תרפ״ח-ת״ש אין ריגא, לטבי׳ און אין פוילן און דערנאך אין ת״ש אויפגעשטעלט אידישקייט דא אין אמעריקע.

מיר האבן אסאך ספרים פון דער פריערדיקע רבי. א טייל פון זיינע ספרים זיינען לקוטי דיבורים, ספר הזכרונות, ספר השיחות, און ספרי מאמרים.

ווען דער פריערדיקע רבי איז געקומען אין אמעריקא, האט ער געזאגט ״אמעריקא איז ניט אנדערש״ און מיט דעם אונז געלערנט אז וואו א איד איז, מוז ער דינען דעם אויבערשטן!

## י׳ שבט



### קבלת הנשיאות פון אונזער רבי

וזרח השמש ובא השמש. די זון שיינט און די זון גייט ארונטער. נאך די הסתלקות פון פריערדיקן רבי׳ן האבן חסידים גלייך געבעטן דעם רבי׳ן נשיא דורנו ער זאל אנעמן די נשיאות, ווייל חסידים דארפן האבן א רבי! אבער דער רבי האט ניט געוואלט.

עס איז געקומען נענטער צו די טאג פון י׳ שבט, דעם ערשטן יארצייט פון פריערדיקן רבי׳ן, און די בקשה פון חסידים איז געווארן שטארקער. מען האט געהאפט און געבעטן אז דער רבי וועט אננעמען זייער געבעט.

י׳ שבט, זיינען אלע חסידים געפארן צום אהל פון פריערדיקן רבי׳ן און דער רבי האט דארט געליינט א פ״ן וואס די חסידים האבן געשריבן צום פריערדיקן רבי׳ן. ווען מען איז צוריקגעקומען אין 770 האט מען אויסגערופען אז ביינאכט וועט זיין א פארברייינגען. יעדער איינער האט אין זיין הארץ געהאפט אז די פארברייינגען וועט זיין דער אנהויב פון די נשיאות פון דור השביעי.

דער רבי האט אנגעהויבן די פארברייינגען מיט א שיחה, ביז איינער האט אויסגערופען ״די שיחות זיינען זייער גוט, אבער חסידים ווילן א מאמר!״ (דאס מיינט אז חסידים ווילן אז דער רבי זאל אנעמן דעם נשיאות, ווייל נאר א רבי איז מחדש מאמרים).

עס איז געווען שא-שטיל אין שוהל, און אלע האבן געקוקט אויפן רבי׳ן . 10:40 ביינאכט האט דער רבי אנגעהויבן זאגן דעם מאמר ״באתי לגני״ מיוסד אויף דעם פריערדיקן רבי׳ס מאמר. ווען דער רבי האט געענדיקט, און האט דורך דעם באוויזן אז ער נעמט אן די נשיאות, איז איינער אויפגעשטאנען און האט צופרידענערהייט געזאגט די ברכה שהחיינו: די שמחה פון די חסידים איז געווען אומבאגרעניצט!

אין זיין מאמר האט דער רבי געזאגט אז מיר זיינען דור השביעי און אונזער דור האט די ספעציעלע עבודה צו ברענגען די גאולה!

*דורך דער רבי׳ס נשיאות זעהט מען ווי דער רבי ארבעט אויף צו ברענגען משיח. אבער מיר דארפן וויסן וואס דער רבי זאגט, אז מען קען דאס ניט לאזן פאר דער רבי צו טאן, נאר מיר מוזן אליין טאן!*

*און מיר מוזן בעטן אין די לשון פון דעם רבי׳ן ״ונזכה זעהן זיך מיטן רבי׳ן דא למטה אין א גוף ולמטה מעשרה טפחים והוא יגאלנו!!!״*

# דערציילט מיר א מעשה

*דעם סיפור האט דערציילט ר׳ נחמי׳ שמערלינג, א שליח פון רבי׳ן אין כפר יונה אין ארץ ישראל.*

"אין תשמ"ב האט דער רבי אנגעהויבן א נייער מבצע: אז יעדער איד זאל קויפן אן אות אין א ספר תורה. מען האט יעמאלט אויך געמאכט א ספעציעלע ספר תורה פאר די סאלדאטן אין די ארץ ישראל׳דיקע ארמיי.

מיר זיינען געפארן צו די הויפט בנין פון די ארמיי, און מיר זיינען ארייגעגאנגן אין אלע אפיסעס צו פארשרייבן די סאלדאטן אין די ספעציעלע ספר תורה.

ווען מיר האבן געקלאפט אויף דעם טיר פון א גענעראל מיטן נאמען "יגאל", האבן מיר געזען אז ער איז געווען אין מיטן א גרויסע פארזאמלונג. מיר האבן געטראכט ארויסגיין, אבער יגאל האט אונז זייער ווארעם אנגענומען, און האט אונז געבעטן דערציילן פארוואס מיר זיינען געקומען.

מיר האבן זיי דערציילט וועגן דעם נייען מבצע, און מיר האבן זיי געבעטן אריינשרייבן פאר אן אות אין דעם ספר תורה. ווען מיר האבן געענדיקט, האט יגאל אויפגעשפרונגען פון זיין בענקל און האט געזאגט פאר אלע די פארזאמעלטע,

"אז דער רבי הייסט, דארף מען פאלגן. איך וויל אייך דערציילן א מעשה. עס איז שוין געווען א פאר יאר נאך איך האב חתונה געהאט, און מיר זיינען נאך ניט געבענטשט געווארן מיט קינדער. ר׳ שלמה מיידאנטשיק, א ליובאוויטשער חסיד פון כפר חב"ד, האט מיר געגעבן אן עצה בעטן א ברכה ביים ליובאוויטשער רבי. איך האב געשריבן א בריוו, און צוויי וואכן שפעטער האב איך באקומען אן ענטפער. דער רבי האט מיר געענטפערט אז ביז זעקס חדשים וועט מיין פרוי שוין זיין גענוג געזונט אז זי וועט קענען האבן קינדער. דאס איז געווען מיט עטליכע יאר צוריק. היינט האבן מיר דריי קינדער!

איך האב געזען אז אלעס וואס דער רבי זאגט איז אמת, איז דערפאר זאג איך אייך, אויב דער רבי זאגט אז מען זאל קויפן אן אות אין א ספר תורה, דארף מען דאס טאן!"

ווי איר קענט זיך פארשטעלן, האבן אלע אפיצערן זיך גלייך פארשריבן אין דעם נייער ספר תורה!"

לעילוי נשמת
אאמו"ר הרה"ח התמים ר׳ דובער
בן הרה"ח ר׳ נפתלי שו"ב ע"ה יוניק
זכה לשמש בקודש קרוב ליובל שנים
נפטר ביום הרביעי, ט׳ אייר תשס"ה

נדבת בנו ר׳ דוד שי׳ יוניק ומשפחתו

# דער חסידישער לוח

## ט׳ שבט תש"ל

*געענדיקט דעם ספר תורה לקבלת פני משיח*

א ספר תורה איז די הייליקסטע זאך ביי אידן, אז מען שרייבט א ספר תורה לזכות אימיצער איז דאס דער גרעסטער כבוד. ווען דער פריערדיקער רבי האט געוואלט שרייבן א ספר תורה פאר די ספעציעלע צוועק פון מקבל זיין משיח צדקנו, קענט איר זיך פארשטעלן ווי גרויס דאס איז געווען!

ב׳ אייר, תש"ב האט דער פריערדיקער רבי געהייסן שרייבן א ספר תורה לקבלת פני משיח. צוליב געוויסע סיבות, האט עס גענומען כמעט 28 יאר ביז מען האט געענדיקט דעם ספר תורה. ג׳ שבט תש"ל האט דער רבי געלאזט וויסן אז מען וועט ענדיקן דעם ספר תורה אין די קומענדיקע טעג.

ערב שבת ט׳ שבט נאך חצות האט מען געמאכט דעם סיום ספר תורה.

מיט צופרידענע טריט האט מען אריינגעבראכט די ספר תורה אין זיין נייע שטוב - די ארון קודש אין 770.

דעם ספר תורה נוצט מען ביז היינט אין 770 מיט די גרויסע בקשה צום אויבערשטער אז מיר זאלן שוין מקבל זיין פני משיח צדקנו בפועל ממש!

# משיח נאו!

א קעניג האט אמאל גערופען א פאר פריינט צו זיין פאלאץ. ער האט געוואלט אויספרואווען און זען, ווער פון זיי איז די שטארקסטע. האט ער זיי באוויזן א גרויסע גרוב פול מיט וואסער, און האט זיי געזאגט,

"אין די גרוב זיינען פאראן גרויסע פיש. איך וויל זען ווער וועט אריינשפרונגען און שווימען צו די צווייטע זייט. דער וואס וועט דאס טאן, קען פון מיר בעטן וואס ער וויל."

אלע מענטשן זיינען געשטאנען לעבן די וואסער און קיינער האט ניט געוואלט ארייגגיין. פלוצלונג האט מען געהערט א רעש, און מען האט געזען אז איינער איז געווען אין וואסער און שווימט מיט זיינע אלע כוחות צום צווייטן זייט. ווען דער מענטש איז ארויסגעקומען פון וואסער, האט אים דער קעניג געזאגט,

"דו האסט באוויזן דיין שטארקייט, און יעצט קענסטו פון מיר בעטן וואס דו ווילסטו!"

נאס און קאלט, האט דער מענטש געזאגט,

"איך וויל נאר פרעגן איין זאך, ווער האט מיר ארייגעשטופט?!"

*ער האט ניט געוואלט ארייגשפרינגען אין וואסער, נאר ווען מען האט אים שוין ארייגעשטופט האט ער געמוזט שווימען צום צווייטען זייט.*

קינדער, דער רבי האט אונז געזאגט אין זיין מאמר פון באתי לגני אז מיר זיינען ספעציעל ווייל מיר זיינען אין דעם זיביטען דור, און מיר האבן די זכות ברענגן משיח. יעצט, אפילו אויב מען וועט זאגן, איך האב ניט געבעטן אזא שווערע ארבעט, זאגט מען דיר, מען האט דיר ארייגעשטופט! דו ביסט שוין אין דעם זיביטען דור, און יעצט מוסטו טאן אלעס וואס דו קענסט ברענגן שוין די גאולה!

# TEST YOUR KNOWLEDGE

# פרשת בא

פאקס צוריק די פאפיר צום שלוחים'ס אופיס פאר מיטוואך,
און דו קענסט געווינען א פרייז! (718-221-0985)

קענסטו געפינען 10 חילוקים צווישן די צוויי בילדער פון 770?





1. ____________________

2. ____________________

3. ____________________

4. ____________________

5. ____________________

6. ____________________

7. ____________________

8. ____________________

9. ____________________

10. ____________________

הצלחה רבה

נאמען: ____________________ ווי אלט: _____

אדרעס: ____________________

____________________

**די געווינער פון פרשת וארא: חנה שמוטקין, 6**